STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02322

DI KORBONES FIR IDEALEN

Y. Kantor

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. קאנטאר.

די קָרְבָּנוֹת
פִּיר
אִידֶעאַלֶען.

№ 4.

אדעססא, תרס"ו.
בדפוס האחים בלעטניצקי.

Дозволено цензурою. Одесса. 4 Февраля 1906 года.

ЖЕРТВЫ ИДЕАЛА

И. Кантора.

ОДЕССА.
Типографія Братьевъ Блетницкихъ, Полицейская, 21.
1906.

אויף דער אמת'ר וועלט.

אויף אַ גרויסען פרייען פּלאַץ זאָגען געשטאַנען אַלערליי מענשען און חיות, מענשען פון אַלערליי פעלקער און גלויבען, פון אַלערליי פּאַרטייען און קלאַסען יעדער מיט באַזונדערע געדאַנקען מיט אַנדערע אידעאַלען וואָס זאָגען אָפט גאָר איינער אַקעגען דעם אַנדערען. אַ סך זאָגען טאַקע פראָסט געוועזען אַקעגען די איבעריגע בלוטיגע שונאים, נאָר אויף דער אמת'ר וועלט און דיא מורא פאַר דעם אמת'ן משפּט, האָט געווירקט אַז איינער האָט דעם אַנדערען ניט געריהרט. נאָר יעדער פּאַרטייע אָדער קלאַסס האָבען זיך צונויף געקליבען אין באַזונדערע רעדלעך ווי זיי האָבען זיך אַלס גוט פריינדשאַפט דורך גערעדט, און געטרייסט די חברים. יעדער האָט איבער געגעבען דעם אַנדערען זיינע גיפיהרען פון הארץ. וועלכע האָבען זיך כמעט אַלע געפינען פאַר גירעכטע. באַזונדער האָבען אַרויס געוועזען די פיהרער פון די חברות זיי האָבען געטענעט ניט נאָר פאַר זיך זעלבסט נאָר פאַר זייער גאַנצער פּאַרטייע, וועלכע זיי האָבען געטרייסט און געשטאַרקט זיי זאָהלען באַ זיך נישט אַראָפּ פאַלען פאַר דעם שרעקליכען אָבער אמת'ן משפּט. ווייל „אונזער אידעע איז געוויס די גרעסטע און אמתע” האָט געטענעט יעדער פיהרער און מיט זיין געשליפען צינגעל האָט יעדער דערוויזען זיין חברה מיט שוואַרץ אויף ווייס לויטער אַז זיי זאָגען גערעכט. דעם אמת מוז מען זאָגען אַז די אַלע פיהרער זאָגען געוועזען טאַלאַנטפאָלע רעדנער (אָראַטערם) און האָבען מיט זייערע שיינע פראַזעס און בילדער דערוויזען אַז די אַלע פערברעכען וואָס זייער חברה האָבען געטהון האָט קיין ווערד ניט... ווייל זיי האָבען געטהון נאָר צו ליעב דעם גרעסטען הייליגען אידעאַל און פאַר די אַלע רדיפות ליידען און שמערצען וואָס מיר האָבען געליטען קומט אונז דער גרעסטער שכר און לויב.

אויסהערען די אַלע דרשות איז אונמעגליך געוועזען ווייל זיי

זאָגנען זייער פּעל אין דער צייט געוועזען. און עס האָט גאָר קיין שיעור ניט זיי אויסרעכענען איך וועל נאָר אין קירצען ברייננגען עט־ליכע פון זיי.

נאָר פאַר דעם אמת! (רעדט אַ יונגער סאָלדאַט.ק), האָבען מיר אַלס געאַרבעט. אונזער אידיעאַל איז זייער אַ הויכער און אַ וויכטיגער, נאָר צו ליעב דער טובה פאַר דער גאַנצער וועלט און צו ליעב אונזער געליעבט פאָלק האָבען מ.ר געשטריטען, צו ליעב דער עהרע און פרייהייט פון אונזער פאָלק האָבען מיר אונזער לעבען און געזונד געשטרעקט, אונז האָט ניט געשראָקען דער שרעקליכער שטאַרקער קראַפט פון אונזערע שונאים, מיר זאָגען געווען גרייט זיך מקריב זיין מיט דער נשמה, צו ליעב דעם אמת, צו ליעב אונזער פאָלק, און ניט איין קרבן. . האָבען מיר טאַקע געבראַכט אויף דעם היילינגען מזבח. מיר האָבען געטהון ווי אונזער זיידע אַברהם. וועלכער האָט ניט געקאַרגט זיין איינציגען געליעבטען זוהן שיקען צו דער שחיטה, מיר האָבען ווי אונזער זיידע געשיקט אונזערע בעסטע יונגע קינדער און זיי אויף זייערע אייגענע אַקסעל מיט געגעבען דאָס האָלץ צום מזבח. . . . . . נאָר מיר דאַרפען ניט קלאָגען נאָך זיי וואָהל איז צו זיי און צו זייער נשמה.. מיר דאַרפען זיך פיהלען גליק־לעך וואָס מיר האָבען אַזעלכע פאַטריאָטען פאַר ברודער און קינדער. מיר האָבען זיך ניט וואָס צו שרעקען אויב איינינע פון אונז האָבען געהרגעט עטליכע פון אונזערע פיינד דאָס וועט זיך אונז געוויס ניט רעכענען פאַר קיין פערברעך. וויל נאָר פאַר דעם אמת עהרע און פרייהייט זאָגען מיר געגאַנגען, אונזערע שונאים זאָגען אַליין שולדיג אין זייער טויט וויל זיי האָבען געוואָלט נאָר רויבען אונזערס וואָס געהער צו אונז, און מיט פאַלשע אומרעכטע וועגען. . אַזוי קינדער פאַלט באַ זיך ניט אַראָפּ פאַר דעם וועט מען אונז געוויס ניט שטראָפען, דער פאַר קומט אונז אַ גרויסער דאַנק און לויב.

פון וועמענס וועגען האָבען מיר אונזערע קריעפטען אַוועק גע־לייגט? רעדט אין איין אַנדער זייט אַ געוויסער מיניסטער. אַלע קרעפ־טען פון אונזער רעגירונג האָבען געאַרבעט נאָר וועגען דער טובה פון אונזער פאָלק, אונזערע אַלע פינאַנסען האָבען מיר פאַר טהון אויף לערנען און בילדונג אונזער פאָלק. צו העלפען איהם

פֿון הונגער און נויט, צו ליעב דעם דערהויבען דעם האַנדיל און קונסט, צו ליעב זייער עהרע און גליק, צו ליעב דעם פֿאַר היטען זייער געזינד לעבען און רוה, צו פֿאַר היטען זיי פֿון די אינוויינינגסטע געווייסע שונאים וועלכע ווינשען אונז שטערען אַרץ. אֶמת מיר האָבען זיי (די שונאים) באַשטראָפֿט זייער שטריינג, נאָר זיי האָבען דאָס ערלעך און כשר פֿאַרדיענט, ובפֿרט די אינוויינינגסטע וועלעכע פֿאַר שטעלען זיך כלומרשט פֿאַר דעם פֿאָלקס גוטע פֿריינד, און דער מיט שטערען זיי די רוה און גליק פֿון פֿאָלק, וואָס דאָס איז נאָך פֿיעל מסוכנער ווי אָפֿפֿענע זייטיגע פֿיינד, חוץ דעם ברייננגען זיי טאַקע אום פֿיעל די גרעסטע און בעסטע פֿון אונזער פֿאָלק. . . וועלכע זאָגען זיך מקריב מיט אַלעמען פֿאַר דער רעגירונג און פֿאָלק. . . און דער פֿאַר אַז מיר בעשטראָפֿען אַזעלכע פֿאַר ברעכער איז געוויס קיין זינד ניט, ווייל מיר ראָמען נאָר אויס די דערנער ווענען די פֿרובטען און בלומען וואָס וועלען בעסער וואַקסען. . .

דאָס וועט מען אונז אויך געוויס ניט רעכענען פֿאַר קיין זינד פֿאַר די אַלע פֿיינד דער רבונו של עולם ווייסט וואָס מיר האָבען איהם אומגעבראַכט אויף דעם שלאַכט פֿעלד, בעת מלחמה, אַז מיר האָבען חלילה זיי ניט געוואָלט אומברייננגען נאָר פֿאַר היטען אונזער לעבען און גוטס, וועלכע זיי האָבען געוואָלט רויבען, און זעלבסט שוטצע איז קיין זינד ניט. מיר האָבען זיך אויך ניט וואָס צו שרעקען פֿאַר די אַלע פֿאַר ברעכער: גנבים, גזלנים, רוצחים, וואָס מיר האָבען אומגעבראַכט, דען מיר האָבען נאָך איין אֶמת'ן משפט אַלע געטהון צו ליעב דער וועלטס טובה, פֿאַר וועלכע דער גרויסער אֶמת'ר משפט... וועט אונז זייער דאַנקען און פֿיעל שכר בעצאָהלען. און אַזוי ברודער שרעקט אייך ניט פֿאַר שרעקליכען משפט, שרעקלעך וועט ער זיין פֿאַר די זינדיגע! אָבער ניט פֿאַר אונז! פֿאַר אונזערע גרויסע מעשים קאָנען מיר ערוואַרטען נאָר פֿיעל עהרע. . . לויב און דאַנק.

טורקוועמאַדאַ.

„פֿאַר וואָס האָב איך אַזוי געיאָגט און געדרוקט מענשען!"

הערט זיך אַ באַסאָווע שטומע אין איין אַנדער זייט, וויהין איך האָב

זיך באלד צו געדוקט. „א וואַ! דאס איז טורקוואמאדא אליין דער גרויסער אישפאנישער אינקוויזיטאר! ער שטעהט און האלט פערלייגט די האנד אויף דעם הארצען, וועלכען ער האט פעסט געדרוקט. די אויגען פארגלאנצט ארויף און זיין פעסטער באס דונערט ווי א פויק: — „צו ליעב וועמען האב איך דאס אלעס געטהון, נאר צו ליעב דיר הייליגער גאט אליין... איך האב ניט געזוכט קיין עהרע און ניט קיין נקמה אין פיינד. קיין גרויסע עהרע האב איך אויך ניט געקענט ערווארטען, ווייל נישט אלע האבען ריכטיג פערשטאנין דעם הייליגען געדאנק...

איך האב קיין נקמה ניט געטהון ווייל די אפיקורסים (еретики) און די יודען זאגען אונז גאר קיין שונאים ניט געוועזען, דאס איז ערדען באוואוסט אז די יודען זאגען זיך מיט אונזער פאלק באגאנגען זייער פריינדליך, און האבען טאקע בא אונז די גרעסטע שטעלעס און אמטען פארנעמען, און האבען גרויסע ראליעס געשפיעלט. וועמען איז ניט באקענט דער געוויסער פירסט דן יצחק הברבנאל. מיט זיין געטריישאפט און נוצען וואס ער האט אונזער רעגירונג געבראכט. צו ליעב איהם האב איך זיך אפילו געוואלט ענטזאגען פון מיין הייליגען פלאן, און בין שוין מסכים געוועזען ער זאהל בלייבען בא אונז אויף דעם זעלבען פלאץ. נאר דער אייביגער אליין האט איהם געגעבען אין זינען ער זאהל אליין נישט באגעדרען, און אזוי האב איך ערפיהלט מיין פלאן ריכטיג אין גאנצען, און אזוי האב איך ניט געקוקט אויף די גרויסע נוטצען וואס די יודען ברייגגען אונזער פאלק און זינדיגען אקעגען דיר גאט. און ווילען ניט ערקענען דיין זוהן וואס די האסט געשיקט אויף דער וועלט ער זאהל אונז מציל זיין פון זינד.

זיי האלטען זיך נאך בא דעם אלטען ברית און ווילען פון ברית חדשה נישט וויסען און נאר דער פאר האב איך גענומען אזעלכע גרויסע מיטלען איך זאהל די אלע זינדיגע אויס ראמען אדער זיי זאהלען אננעהמען אונזער גלויבען, נאר סע איז געוועזען אזעלכע פארפלוכטע וואס האבען פאר מורא כלומרשט געגלויבט אבער זיי זאגען גאר פאלש געוועזען, אט וועמען די זינדיגע האב איך באנוצט אלע גרעסטע מיטלען נאר כדי זיי אפ רייניגען פון זייערע זינד, איך האב זיי געברענט געבראטען, געפרעסט, געשניטען און געשטאכען,

איך האב זיי די גרעסטע ליידען און מיתות געטהון". (בא די לעצטע ווערטער האבען א טהייל פון זיינע חברים אין דאחאווע קליידער זיך פאר קרימט זיי האבען א בייזען בליק געווארפען אין זיין זייט און האבען זיך געגרייט אוועק פון איהם. . . נאר טורקוואמאדא וואס קוקט דאכט זיך נאר ארויף. . . האט דאס באמערקט, און דער פאר האט ער נאך געהעכערט זיין קול און פעסט אויס געשריגען).

„פאר די אומגליקליכע זארגט ניט! זיי זאגען ניט קיין אומגליקליכע דען איך האב זיי געשיקט פאר הייליגע קרבנות פאר דעם רבונו של עולם מע וועט זיי אויף נעמען פאר די שענסטע געסט פאר הייליגע וועלכע האבען זיך דורך זייער ליידען אין טויט אפ גערייניגט "פון די זינד. . . זיי אליין וועלען מיר זייער דאנקבאר זיין וואס איך האב זיי צו אזא מדריגה געבראכט און זיי פון דעם שרעקליכען גהינם מציל געווען. . . ווי זעגען זיי? ווי נעם איך זיי א הער איך זאהל פון זיי הערען דעם אמת פריינדליכען דאנק. . . נאר אפשר זאגען זיי שוין פון לאנג אין גן עדן, עפענט זיי אויף די טויערען! (האט ער געגעבען א שטריינגען געשריי), און לאזט מיך א־יין צו זיי, עפענט אויף די טויערען פאר גאטס געטרייען קנעכט! וועלכער האט איהם געדיענט מיט אלע זיינע קרעפטען. איך האב זיינע זינדיגע געברענט געבראטען געקוילעט געשניטען און געשטאכען געפרעסט און געמאלען, געטרייקען און געהאנגען אלע אלם האב איך פון זיינעט וועגען גע־טהון נאר וויפיל מיינע קרעפטען האבען געלאזט, און ווען איך האב שוין מעהר ניט געקענט האב איך געלאזט די הייליגע צוואה פאר קינדער און קינדס קינדער".

די צוואה איז אויסגעפולט געווארען אונד דיא בלוטדורשטיגע רוצחים האבען פון אונז שרעקלעכם געמאכט...

אך! וואס פאר שרעקליכם האבען מיר דארט געזעהן! דאס האבען געברענט לעבעדיגע מענשען. . . ארום זיי איז א טויט שטיל שוואגענעש און עם הערט לויטער אין דעם טרעסקען פון פלאם די געשרייען זיפצען און קרעכצען פון די אלע אומגליקליכע באשעפעני־שען, מיר זעהן לויטער זייערע שרעקליכע פאר קרימטע און פאר קנייטשטע גרימאסען; פון געזיכט ווי עם בלאזט זיך די הויט ווי זי פלאצט ווערט צוריסען און פאר קאטשעט געשווינד און ווי א שפאן

ווערט זי פאַר באַקען קויהלט און צו שאָטען אויף פינקען, און עס קנאַקט און טרעסטשיט די ביינער. . . נאָר ניט דאָס איז אין גאַנצען, כאַ דער זייט פון דער „קאָסטרע“ לעגען אלערליי הריגים דורך אַלערליי געצייגען און מיטלען, צו פרעסטע צו בראָכענע שאַרבען ארום וועלכע עס פלאָנטען זיך שטיקלעך מאָזגעס (מוח) מיט געהירען. . . אָפענע בייכער אַרום וועלכע עס פלאָנטעט זיך דאָס אינוויינינסטע. . צו שטאָכענע געלעכערטע פון צוועקעס קערפערס ווי אַ רעשעטע פון וועלכע עס קוקט אַרויס דאָס פאָרט טרוקענטע בלוט... פיעל קערפערס אָהן קעפ און באַזונדערע קעפ וועלכע קנייטשען זיך און קאָרטשען זיך שרעקלעך עפענען און פאַרמאַכען די שרעקליך ווילדע אויגען. . .

ביים ערשטען בליק איז אויף אונז געפאַלען אַ שרעקליכער ציטער אַ קאַלטער שווייס איז דורך געלאָפען דורך אונזערע אלע גלידער און מיט שרעק האָבען מיר זיך אַ חאַפ געטהון צוריק, מיר האָבען ניט געהאַט די מאַכט צו קוקען אויף די שרעקליכע בילדען.

נאָר איין טורקוועמאַדע איז געשטאַנען און האָט זיך שטאַרק געקריכט און געקנייטשט און האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, ער האָט דאָס אויך ניט געקענט איבער טראָגען אזא ביילד האָט ער אַליין נאָך קיין מאָהל ניט געזעהן, זיינע גאַנצע צוואה האָט מען אָפט מאָהל צו בוסלעך ערפיהלט אָהן איהם, און ער מיט די גרויסע פאַרגלאַנצטע אויגען צום הימעל האָט זיך געמאָלט זיין פאַנטאַזיע ווי אַזוי דיא נשמהלע פון זיין קרבן פליהט אַזוי ריין און קלאָהר פון זינד גלייך צו דעם רבונו של עולם, און ער איז געווים פריילעך און צו פרידען פון טייערען געטרייען קנעכט טורקוואָמאַדאַ, ער פרווט זיך דאָ אויך פאַר מאַכען די אויגען אָבער סע איז נאָך ערגער, מיט אַ שטאַרקען ציטער און מיט אַ וואָרף דעם קאָפ אויף אינטען עפענט ער זיי געשווינד אויף. . . דאָס שטאַרקע שטילקייט וואָס אַרים דער בילד טהוט זיך, לאָזט הערען יעדער שאָרך יעדער געשריי זיפץ און קרעכץ עס פיהלט אַפילו דאָס גיסען און שפריצען, דאָס פאַלען פון קערפער אָדער אבר אויף דעם אַנדערען, מיט איין וואָרט אַלס, ווען ער פאַרמאַכט די אויגען ווערט דער אויער נאָך שאַרפער און ניט איהם איבער יעדער קליינעם שאָרך, און דער געדאַנק מאַכט

נאָך די בילד שטאַרקער און שרעקליכער. . . ער עפּענט די אויגען נאָר ניט לאַנג קאָנען זיי קוקען אויף דער שרעקליכער בילד.

ער גיט אַ נייעם ציטער, ער פערמאַכט די אויגען און פערוואַרפט דעם קאָפּ, וועלכער קרימט זיך שרעקליך און קנייטשט זיך פאַר ווייטאָג. נאָר ער ריהרט זיך אַלס ניט פון אָרט, צו ערוואַרט ער נאָך דעם ענטפער, דעם דאַנק פון די נפשות וואָס דאַרפען איהם דאַנקען דער פאַר, וואָס ער האָט זיי מציל געוועזין פון דעם גהינם?.. ווייל ער האָט זיי אָפּ געריינינגט פון די זינד... אָדער פשוט די פּוס זאַנען איהם פאַרשטיינערט און קאָהן זיך פון אָרט נישט ריהרען? נאָר ווי די זאַך איז מוטשעט ער זיך שרעקליך, ער קנייטשט און קרימט זיך און פערוואַרפט דעם קאָפּ אויף צו פאַלען. נאָר ניט יעדער פון זיינע בלוטיגע חברים ווילען זיך יעצט אָנריהרען אין זיינע בלוטיגע האָנד... נאָר זעלטען זעלטען איינער פון טויזינד, האָט איהם אַמאָהל מיט די ברייטע אַרביל אונטער געכאַפּט...

— וואָס איז דאָס?! וואָס איז דאָס?! האָבין מיר איינער דעם אַנדערען מיט האַרץ־קלאַפּעניש געפרעגט, איז דאָס אָפּשר דער גהינם?.. איז ריכטיג אַז מיר האָבען דאָס געזעהן? אָדער עס דאַכט זיך אונז? — דאָס איז טויערען פון גן־ערן, האָט איינער איראָניש געזאָגט...

— שרעקט אייך ניט דערפאַר! האָבען מיר פּלוצלינג דער הערט אַ פּעסט קול אונטער זיך מיר קוקען זיך אום האַ! טורקוואָמאַדאָ, א פאָר דוחאָוונע מיט מאַנטלען... פיהרען איהם געאַרעמט... ער געהט יעצט אויך אין זיין דוחאָוונע מאַנטעל מיט זיין געוויינטליכען גאַנג, אין וועלכען עס פיהלט זיך קראַפט מיט גדלות, און מיט זיינע פאַר גלאַנצטע אויגען אַרויף. . . זאָגט ער אונז: זאָרגט ניט דער פאַר שרעקט אייך ניט די בילד איז נאָר אַ חלום. . . — אַ חלום?. . . — אַ חלום?. . .

און וואָס איז דאָס ריכטיגע — האָבען מיר זיך פאַרווינדערט געפרעגט.

— „יאָ! די ריינע נשמהלעך. . . שטעהן גאָר דאָרטען דאָרטען. . . פרייליך און דאַנקען מיר דער פאַר. . . האָט זיך טאַרקוואַמ'אַדעם קול ווידער געלאָזט הערען.

די קָרְבָּנוֹת.

ווען די רעדעס האָבען זיך געענדיגט, האָבען מיר דער ווייל זיך אָנגעהויבען אַרום קוקען אויף דעם עולם וואָס טהוט זיך אַרום אונז, וואָס פאַר אַ פערזאָנען עס קומען פאַר אונז פאָר. און ביי יעדער באַגעגענען אַ געוויסען גרויסען מענשען האָבען מיר זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און געשווינד געוואָרפען אונזערע נייגיהעריגע אויגען אויף איהם. און דאָ איז טאַקע געווען אויף וואָס צו קוקען! די אַלע גרעסטע לייט וואָס זאַנען נאָר אויף דער וועלט געוועזען זאַנען דאַ אַלע פאַר אונז... נאָר דעם גרעסטען איינדרוק האָט געמאַכט אונזער זיידע אַברהם... צַלע געוויסע פעלקער חוץ די געצין דיענער האָבען איהם גוט געקענט און איהם גערופען מיט דעם געוויסען נאָמען זיידע אַברהם... דאָ זאַנען געוועזען אַלע אייניקלאַך, אַזוי פיעל ווי די שטערין אין הימעל, וועלכע ס'איז אונמעגליך צו ציילען... נאָר ניט צַלע האָבען אויף איהם נאָר פאַר ליובאָפּיטסטוואָ געקוקט, פיעל פון זיי האָבען אויף איהם שוין גאַנץ לאַנג געוואַרט. אַלע האָפנונגען איז אויף איהם אונזער מליץ יושר, מיר זאַנען זיינע געהאָרכזאַמע אייניקליך, האָבען איינ׳גע געטראַכט און פערטהיידיגונג האָט פיעל כח ביי גאָטט, מיט גרויס פרייד האָבען זיי איהם באַגעגנט און געשווינד געלאָפען צו איהם.

צום מיינסטהייל צַזעלכע צו שלאָגענע, צו דרג׳טע וואָס האָבין זיך דאָרט פריהר פון אָרט ניט גערירהט, האָבען זיך יעצט אַזוי געשווינד גיקצַראַטשקעט צו איהם. דאָס איז געוועזין לעבעדיגע גבורים, העלדען וואָס זאַנען געפאַלען קרבנות... פאַר זיירע הויכע אידעאַלין... אין זיירע אויגען האָט אַפילו יעצט געלויכטען אַ לעבעדיג פריילינער בליק אין וועלכען עס איז געוועזן צו באַמערקען אַ גרויסע דאָזע עהרע מיט גדלות. זיי האָבען איהם געשווינד אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט און פריילין אויסגעשריגען: שלום עליכם זיידע! עליכם שלום מיינע ליעבע קינדער!—האָט ער אויך מיט אַ פריינדליכער פריילינער שטומע געענטפערט. ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּ געשטעלט און האָט אויס געשטרעקט זיין לינקע האַנד צום גלאַטען גרויסען שטערין און געהאַלטען איבער די אויגען. ער האָט דער מיט זיינע ליכטיגע

אויגֶען ווי פון שאַרפֶע שטראַהלען פאַרהיט און האָט זיך גוט איינגעקוקט אין זיינֶע קינדער. זיין ליכטיגע צורה האָט באַלד באַקומען אַ שרעקליך טרויעריגען געשמאַלט. ער זעהט פאַר זיך אַלֶע, אַזעלכע יונגע שעהנע פון די בליהענדיגֶע יאָהרען קינדער און אַלֶע מיט שרעקליכֶע מסוכנה וואונדען. איינער איין ווייסער קלאָהרער גראַטער האַלז ווי מרמאָר און אויף איהם אַ טיעפער בלויער צייכען פון פאַרזאָטען בלוט... אַ צווייטער, אַ שעהן לעבעדיג געזיכט מיט אַ צו שפאָלטענעם אָפענעם שאַרבען... אַ דריטער, אַ יונגער מענש, אַ פעסטען פולען און עס לאַכטען זיך עטליכע קיילעכיגע לעבעליך פון קויהלען אויף דורך און דורך... אַ פערטער, אַ יונגע געזונדע צורה, וועלכע הייננט נאָר אויף דעם פאָזוואָנאָטשנע סטאָלב איז ביים האַלז אָפּגעטהיילט... ווייטער צו בראָכענע ריקענס, אָפענע בייכער, אָהן האַנד, אָהן פוס און נאָך אַזוינֶע...

פון דעם זיידענס האַרץ איז אַרויס אַ טיעפער זיפץ, ער האָט אויף געהויבען זיינֶע ליכטיגֶע אויגֶען צו זיי און האָט אין דער שטיהל מיט איין ליבער שטומע ווי אַ פאָטער זיך געווענדעט צו זיי: אונגליקליכֶע קינדער מיינע! ווער האָט אייך אַזוי אומרחמנות צו שלאָגען, ווי איז דער רחמנות ביי מענשען! דערביי האָבען זיי זיך אַללֶע אויף געהויבען מיט צו בראָכענע גלידער און הויך פאַר ריסען די קאָפּ. און זייערע אויגען האָט זיך אַריין געהאַפט אַ ליכטיג העליש פלאַם און האָבען אַלֶע צוזאַמען „חאָראָם" הויך מיט גרויס היטץ געענטפערט: ניין זיידע! מיר זאָגען ניט קיין אונגליקליכֶע! קיין אונגליקליכֶע האָבען מיר קיין מאָהל ניט געוואָלט זיין און באַגעהרען דאָס אויך ניט!... קיין רחמנות האָבען מיר ביי מענשען ניט געבייטען, און ניט געפאָדערט!... מיר באַגעדרען יעצט אויך אַז מע זאָל אויף אונז קיין רחמנות האָבען!.. דאָס איז פאַר אונז אַ שאַנדע!.. אונזער עדרע קאָהן דאָס ניט דערלאָזען!.. פאַר אונזער כבוד און עדרע האָבען מיר מיט גרויס פרייד געשטרעקט אונזער לעבען!...

נאָר דער זיידע האָט ווינציג געהערט זייערע הייסע געשרייען, ער דאַלט דעם קאָפּ אַביסעל אַראָבגעלאָזען און די שיינע לאַנגע ווייסע באָרד אָנגעשפאַרט אויפ׳ן האַרצען און נאָר די אויגען חאַפּען ציי־טען־ווייס פון דער זייט אַ קוק אַרויף צו די קינדער. ער רעדט זיך

ווידער פּעסט זייגע פריהריגע ווערטער: „אך אומגליקליכע קינדער מיינע!... אומרחמנות האט מען אייך צו שלאגען!..״ און ביי יעדער ווארט פיהלט זיך שווערע טיעפע זיפצען ווי נאר א געטרייער פאטער וואס ליידט פון זייגע קינדערשע אונגליקען... אבער זיי ווארפען אויף איהם ווילדע אויגען, ניט דאס האבען זיי געהאפט צו ערווארטען... זיי אייבען זיך שוין אן צו סאמניעוואיען: אפשר איז דאס ניט דער געוויסער גרויסער זיידע אברהם?.. און איינער האט שוין אייף געהויבען דעם קאפ ער זאל איהם די פראגע פרעגען, נאר דער זיידע אברהם האט פריהר פאר חאפט פאר איהם און האט זיי שטיהל געפרעגט: — האט איהר קינדער געלעזען אדער געהערט פון מיין „עקידה״?.. די פראגע האט אויף זיי ווי זידיגע וואסער געווירקט. זייערע טויטע געזיכטען זאנען געווארען ווי פייער רויט און האבען מיט היטין אויסגעשריען: מיר?! מיר?! צו מיר האבען געלעזען די עקידה?! מיר האבען דאס אלע טאג אפילו אין אונזערע תפילות געלעהנט. מיר האבען די עקידה קיין מאהל אין לעבען ניט פארגעסען!.. און האבען שטענדיג געטהון ווי די זיידע האסט אונז געוויזען דעם גרויסין היילינען מוסטער... מיר זאנען שטענדיג געוועזען גרייט זיך מקריב זיין פאר איין עולה!..... מיר האבען ביי יעדער צופאל, ווי עס איז נאר עפים געגאנגען אקעגען אונזער עהרע... נאמען... לאנד... תמיד גרייט געוועזין זיך מקריב זיין מיט אונזער לעבען דער פאר!.. מיר האבען ווי די זיידע! ניט געקארגט אונזערע בעסטע יונגסטע ליעבסטע ברידער און קינדער און זיי מיט פרייד געשיקט אהין אין געפאהר!.. און מיר האבען זיי מיטגעגעבען אויף זייערע אקסלען ווי די האסט יצחק׳ן מיטגעגעבין דאס האלץ צו זייער אייגענער שחיטה!...

דערביי האט דער זיידע אויפגעהויבען פערוואונדערט׳טע אויגען, נאר ער צוהיצט זיך ניט ווי זיי... דאס איז ניט זיין טבע... נאר ער פאוטארייעט ווידער מיט א זיפץ זייגע ווארטער: „אונגליקליכע... ארומע... קינדער, איהר האט מיך גאר ניט פארשטאנען! גאר ניט! בלינדע קינדער!.. אונגליקליכע!...

די ווערטער האבען זיי ווי מיט שפיזען געשטאכען. זיי האבען געשפרונגין פון ארט. מענשין! וועלכע פאר זייער עהרע האבין געשטרעקט זייער לעבען, זיי האבען קיין מאהל ניט געקאנט ליידען יענעמס

שוטץ און רחמנות; יעצט האבען געמוזט אויסהערין אלעס ווי מע מאכט זיי צו שאנדע... און מע בעזארגט זיי... אבער דעם זיידענ'ס אברהם'ס רחמנות קאן זיך ניט גלייכען צו אנדערע... דעם געוויסען מענשען'ס ליעב-האבערס רייד האבען איין אנדער ווירקונג אויף זיי געמאכט. „דברים היוצאים מן הלב נכנסים בלב", ווערטער וואס געהן ארויס פון הארצען, געהן אריין אין הארצען. זיי האבען גוט געפיהלט ווי זיין הארץ טהוט רעכט וועה אויף זיי, און פון זיינע אויגען האבען זיך הייסע טרעהרין געגאסען און אויב ער איז זיי מבייש האבען זיי ריכטיג פארדיענט. נאר ניט דאס האבען זיי ערווארטעט, ניט דער זיידע זאהל זיי בעקלאגען! האבען זיי געהאפט. נאר ער זאל זיי פרייליך אויפנעהמען און אויך לויבען, אז זיי זאגען גליקליך... און דער זיידע איז גליקליך מיט זיינע אייניקליך... נאר זיי הערען גאר עפיס אנדערש... זיי האבען געקנייטשט מיט די אקסעל און געווארפען ווילדע בליקען אויף דעם זיידען און האבען גאר ניט פערשטאנען. זיי האט זיך געדאכט, אז זיי האבען פונקטליך פערשטאנען די „עקידה" און האבען זי ריכטיג ערפיהלט...

פלוצלינג האט דער זיידע אויף געהויבען דעם קאפ, אוים געגלייכט די פארזארגטע טרויעריגע אויגען און זיי אנגעוויזען מיט דער האנד אויף איין מענשין וועלכער איז פארביי מיט א קאמפאניע דורך געגאנגען און האט הויך אויסגעשריען: — „קאנט איהר ריכטיג דעם מענשין?" איך האב אויך געווארפען מיין בליק אין דער זייט. מיר האבען באלד דערקענט דאס געוויסע בילד, דאס שעהנע קיילעכיגע פנים איין קיילעכיגע שווארצע בארד און געקליידעט אין אראבישע קליידער. דאס איז געוועזין דער געוויסער רמב"ם... — יא! האבען אלע געשווינד אויס געשריגען. — דאס איז דער געוויסער גרויס-געלעהרענטער. — דער גרויסער חכם, האט א צווייטער אונטער געהאלטען. — דער גרויסער פילאסאף. — דער גרויסער בריה אין מעדיצין. — דער גרויסער אסטראנאם, האט יעדער אונטער געהאפט איין אנדער מעלה. — „דאס איז אללס ווינציג!" האט דער זיידע שטיהל אויסגעשפראכען. — ער האט אפילו געקאנט מחיה מתים זיין, האט זיך איינער איינגעשטעלט אויסשרייען. (חאטיא אין

האַרצען האָט ער געפיהלט אַז דאָס איז נאָר אַ לעגענדע...! — דאָס איז ריכטיג! האָט דער זיידע הויך אויסגעשריגען, „ער האָט געקאָנט מחיה מתים זיין נאָר דער מיט וואָס ער האָט ריכטיג פערשטאַנען די עקידה... חוץ אַנדערע אַרטיקלען פון דער תורה, וועלכע זאַגען אומשטאַנד מחיה מתים זיין . . .

זיי האָבען איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט און ניט פערשטאַנען וואָס בעדייטעט דאָס. נאָר דער זיידע האָט זיי נישט לאַנג געלאָזט וואַרטען און האָט זיי אָנגעהויבען ערקלעהרען די בעדייטונג פון דער עקידה. ווי אַזוי דער רמב״ם ערקלעהרט דאָס גאַנץ הויך....., וויא אַזוי משה רבנו ע״ה מאָלט אין זיין אַרטיקעל איין העכסט ריכטיגע בילד וועלכע ער האָט אייך געגעבען פאַר אַ מוסטער צום לעבען. איך בין געוועזען דער דאָזיגער, וואָס איך האָב ערקענט דעם ריכטיגען גאָט און זיך ענטזאָגט פון דעם געצען דיענען... מיט מענשען קרבנות... איך בין געוועזען דער, וואָס האָב זעהר ליעב געהאַט שלום. איך האָב ניט געקאָנט פאַרלײדען קיין קריעג ובפרט געשלעג... איך האָב אַמאָהל געגלויבט אַז אָפשר די געדאַנקען פון געצען דיענער מיט מענשען קרבנות, גלייך די געדאַנקען פון „פאַטריאָטען" און „אידעאַליסטען" זאָגען העכער פון די וואָס רופען צו שלום.

און אַזוי הייסט דאָס גאָר אַ הויכער אידעאַל מקריב זיין אַ מענשען פאַר גאָטס קרבן?.. ווי די געצען דיענער טהון, אָדער זיך מקריב צו זיין פאַר עהרע אָדער לאַנד... ווי אַנדערע טהון. אָט דאָס איז די „עקידה"! דער מאָמענט ווי עס באָרען זיך ביי מיר די צוויי געדאַנקען, ווייזט וועלכער איז דער ריכטיגער פון זיי!.. האָט איהר פאַרגעסען אַז די עקידה פאַרווערט זיך מקריב זיין כלומרשט פון גאָטס וועגען? זיי שרעקען אויס ווילדע אויגען, וואָס בעדייט דאָס? דער זיידע ערקלעהרט זיי פאָדראָבנע: — גאָט האָט געשיקט מיר אַ געדאַנק, וועלכער שרייט מיר: אַברהם! אַברהם! ד׳ ה׳ פאַרגעס ניט דיין נאָמען!.. די ביזט אַזאַ גרויסער מאַן... אין דער אַמורי געוועלטיגט נאָך אויף די בערג!... איך ענטפער באַלד: איך בין

גרייט...... און האַפּ זיך אויף גאַנץ פֿריה צו שיקען מיין איינ־ציגען געליעבטען זוהן און גיעב אַליין דאָס קלאַפּער געצייג... אויף זיינע פּלייצעס וועגען זיין אייגענער שחיטה. אויף יענעם... באַרג. און בין פֿרייליך דערפֿון ער זאָהל דאָרט פֿאַלען פֿאַר אַ קרבן... עס דאַכט זיך מיר אַז דאָס וועט זיין פֿון גאָטס וועגען אַליין, ווייל גאָטס ווילען איז אַזוי... אַז דאָס שיקט מיר גאָטס שלוח צו טהון אַזוי... נאָר אין דעם מאָמענט קומט איין אַנדער געדאַנק און שרייעט מיר ווידער „אַברהם! אַברהם! ד׳ ה׳ פֿאַרגעס ניט אַז די ביזט אַ גרויסער פֿיינער מענש". איך ענטפֿער ווידער „איך בין גרייט"... „ניין! זאָגט מיר ריכטיג דער געדאַנק, פֿאַר אַ פֿיינעם מענשין פּאַסט ניט אַזעלכיס, די זאָלסט ניט אויף הויבען דיין האַנד אויף דעם יונג! די זאָהלסט איהם גאָר ניט טהון!.. קלינגט מיר אַ גאָטליך הייליג קול. גאָט באַגעהרט ניט קיין מענשין קרבנות... און שלעכטס טהון יענעם אָדער אַפֿילו זיך איז אַ זינד..." אָבער איך ווייס ניט וועלכין געדאַנק צו גלויבען, ווי איז דער אמת...... קומט ווידער דער געדאַנק און שרייעט מיט אַ פֿעסטע שטיממע... אַז דער אייביגער רעכענט מיך פֿאַר אַ פֿיינעם מענשען און באַגעהרט ניט קיין קרבנות. פֿאַר אַ גאָטליכען מאַן פּאַסט ניט צו טהון אַזעלכעס, ווי די געצין דיענער... און בענשט מיך דער פֿאַר מיט פֿיעל קינדער, אויב זיי וועלין זיך אַליין זייער לעבען נישט פֿאַרדאַרבען...

„געדיינקט איהר קינדער די הייליגע ווערטער, וואָס מע האָט אייך געשטעלט לזכרון... „על תשלח ידך אל הנער"... ד׳ ה׳ די זאָלסט ניט אויס שטרעקען דיין האַנד אויף דעם יונג... און די זאָלסט איהם גאָר ניט טהון אַזעלכעס וואָס איז אַ סכנה... ווייסט איהר ניט אַז די ערשטע געדאַנקען וועגען אָפּפֿערען דעם זוהן... זענען פֿאַלשע... זיי האָבען נאָר געפּרובט צו בין איך בלוטדורשטיג...... אָבער דאָס איז ניט גאָטס ווילען...

„האָט איך זיך אויך אַזוי געפֿיהרט אין לעבען? ווען מ׳קריגט מיט מיינע בעדיענער פֿאַר איין פּלאַץ, האָב איך מיינע געהייסין אַוועק געהן אין אַ אַנדער זייט, זיך זיכען אַ אַנדער פּלאַץ און זיך ניט קריגען...

„דאַס לאַנד כנען וואָס גאָט האָט מיר און מיינע קינדער גע־געבען, און ווען איך האָב בעדאַרפט אַ שטיקעל ערד, פשוט אויף אַ קבר, ביי דעם וואָס האָט אויף מיין ערד געוואָהנט, האָט ער מיר געוואָלט אַוועקגעבען ערד וויפיעל איך בעדאַרף. צום סוף האָט ער דער נאָך גענומען געצאָהלט. אונד איך האָב איהם גע־צאָהלט מיט כסף טהור...... איך האָב ניט געקוקט וואָס דאָס לאַנד איז מיינס... און יענער האַלט ניט קיין וואָרט וואָס האָט אַליין געזאָגט... און דאָס ריהף איך עהרע...

„איך האָב זיך נאָר באָנוצט מיט גערעכטיגקייט אין מיין עהרע נאָר ניט זיך קריעגען און שלאָגען!...

— האָט איהר זיך אויך אַזוי געפיהרט?...

— וויפיעל פון אייך קינדער וואָלטען מחיה מתים געוועזין? ווען איהר און אייערע עלטערין זאָהלין געוועהן ריכטיג פאַרשטעהן די עקידה!...

. . . .

. . . .